בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט
די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה
שליט"א שבת קודש פרשת נשא, תשפ"א
לפרט קטן; ביים שיעור אין ספר הקדוש
'פעולת הצדיק' און ביי 'סעודה שלישית'

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
**212-444-9191**

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

צו באקומען די חיזוק יומי

| טעלעפאון מעסידזשינג | אימעיל |
| --- | --- |
| 347-630-2876 | chizikyomi@gmail.com |

## שבת קודש פרשת נשא, שנת תשפ"א לפרט קטן, אינדערפרי נאכ'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א ממשיך געווען דעם שיעור אין ספר הקדוש פעולת הצדיק, פון סימן תשסב ביז סימן תשסח.

סימן תשסב: יוֹם א', י"ז בְּסִיוָן: נָסַע רַבֵּנוּ זַ"ל מֵעִיר לֶעמְבֶּרְג כְּדֵי לַחֲזֹר לְבֵיתוֹ שֶׁבָּעִיר בְּרֶסְלֶב. וְנָסַע דֶּרֶךְ עִיר בְּרָאד, (שֶׁהִיא בְּמֶרְחָק שֶׁל 60 קִילוֹמֶטְרִים מֵעִיר לֶעמְבֶּרְג בְּעֶרֶךְ). וּכְשֶׁהִגִּיעַ לָעִיר בְּרָאד, נִתְמַהְמַהּ שָׁם בְּעֶרֶךְ שְׁנֵי שָׁבוּעוֹת בְּבֵית חָמִיו רַבִּי יְחֶזְקֵאל טְרַאכְטִינְבֶּערְג. וְהַדּוֹקְטוֹרִים הִזְהִירוּ אוֹתוֹ מְאֹד, שֶׁלֹּא יִסַּע שׁוּם נְסִיעָה, כִּי קָשָׁה לוֹ הַנְּסִיעָה מְאֹד מֵרֹב כֹּבֶד הַחוֹלַאַת שֶׁלּוֹ, וְשֶׁאִי־אֶפְשָׁר לוֹ לִסַּע כִּי אִם פַּרְסָה אַחַת בְּיוֹם, אַךְ רַבֵּנוּ זַ"ל לֹא חָשַׁשׁ לְדִבְרֵיהֶם כְּלָל רַק נָסַע בִּזְרִיזוּת גְּדוֹלָה כְּדֶרֶךְ הַסּוֹחֲרִים כַּמָּה וְכַמָּה פַּרְסָאוֹת בְּיוֹם אֶחָד.

סימן תשסג: יוֹם ג', ג' בְּתַמּוּז: נָסַע רַבֵּנוּ זַ"ל מֵעִיר בְּרָאד וְהִגִּיעַ בְּיוֹם ו' עֶרֶב־שַׁבַּת־קֹדֶשׁ לְסֵדֶר חֻקַּת בָּעִיר יַאנוֹב, (שֶׁהִיא בְּמֶרְחָק שֶׁל 150 קִילוֹמֶטְרִים מֵעִיר בְּרָאד בְּעֶרֶךְ).

סימן תשסד: שַׁבַּת־קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת חֻקַּת, ז' בְּתַמּוּז: שָׁבַת רַבֵּנוּ זַ"ל בָּעִיר יַאנוֹב. וְשָׁם הָיָה רַבֵּנוּ זַ"ל נֶעֱלָם מִכָּל אַנְשֵׁי הָעִיר, וְלֹא הִרְגִּישׁוּ כְּלָל, שֶׁהִגִּיעַ רַבֵּנוּ זַ"ל לָעִיר.

סימן תשסה: וּבְמוֹצָאֵי־שַׁבַּת־קֹדֶשׁ: הָיָה רַבֵּנוּ זַ"ל עֵר כְּדַרְכּוֹ בְּכָל שָׁבוּעַ וְהִתְבּוֹדֵד כָּל הַלַּיְלָה עַד עֲלוֹת הַשַּׁחַר.

סימן תשסו: יוֹם א' פָּרָשַׁת בָּלָק: הִתְפַּלֵּל רַבֵּנוּ זַ"ל וָתִיקִין כְּדַרְכּוֹ תָּמִיד. וְתֵכֶף־וּמִיָּד הִזְדָּרֵז מִשָּׁם לִנְסֹעַ אֶל בֵּיתוֹ בָּעִיר בְּרֶסְלֶב, (שֶׁהִיא בְּמֶרְחָק שֶׁל 50 קִילוֹמֶטְרִים מֵעִיר יַאנוֹב בְּעֶרֶךְ). וּכְשֶׁהִגִּיעַ לַכְּפָר וַוארְנִיוִויצֶע, (שֶׁהִיא בְּמֶרְחָק שֶׁל 52 קִילוֹמֶטְרִים מֵעִיר בְּרֶסְלֶב בְּעֶרֶךְ), פִּתְאֹם רָאָה אוֹתוֹ אֶחָד מֵאַנְשֵׁי־שְׁלוֹמֵנוּ וְקָפַץ עַל הָעֲגָלָה שֶׁל רַבֵּנוּ זַ"ל מֵרֹב שִׂמְחָה וְחֶדְוָה, כִּי

לֹא רָאָה כְּבָר אֶת רַבֵּנוּ זַ״ל כִּמְעַט שָׁנָה, (כִּי רַבֵּנוּ זַ״ל נָסַע לָעִיר לֶעמְבֶּרְג תֶּכֶף־וּמִיָּד אַחַר סֻכּוֹת, עַיֵּן לְעֵיל סִימָן תשכ״ח). וְעַכְשָׁו פִּתְאֹם רָאָה אֶת רַבֵּנוּ זַ״ל, וְעַל־כֵּן קָפַץ עַל הָעֲגָלָה שֶׁל רַבֵּנוּ זַ״ל מֵרֹב שִׂמְחָה וְאַהֲבָה, וְנָתַן שָׁלוֹם לְרַבֵּנוּ זַ״ל וְנָשַׁק יָדוֹ הַקְּדוֹשָׁה וְהֶחֱיָה אֶת רַבֵּנוּ זַ״ל מְאֹד מְאֹד.

סימן תשסז: לְעֵת עֶרֶב הִגִּיעַ רַבֵּנוּ זַ״ל לָעִיר בְּרֶסְלֶב. וְיָצְאוּ לִקְרָאתוֹ כָּל אַנְשֵׁי הָעִיר, כִּי תֵּכֶף־וּמִיָּד, כְּשֶׁבָּא רַבֵּנוּ זַ״ל לְשַׁעֲרֵי הָעִיר, נַעֲשָׂה רַעַשׁ, שֶׁרַבֵּנוּ זַ״ל בָּא. וְחַבְרָא חַבְרָא אִית לֵיהּ, וְתֶכֶף־וּמִיָּד נִתְפַּרְסֵם בְּכָל הָעִיר, שֶׁרַבֵּנוּ זַ״ל הִגִּיעַ. וּבָאוּ כֻּלָּם לְקַבֵּל פָּנָיו הַקְּדוֹשׁוֹת. וּכְשֶׁנִּכְנַס רַבֵּנוּ זַ״ל אֶל בֵּיתוֹ, וְהָיוּ אָז הָמוֹן רַב מֵאַנְשֵׁי־שְׁלוֹמֵנוּ וּמֵאַנְשֵׁי הָעִיר. וְדִבֵּר רַבֵּנוּ זַ״ל אַז הַרְבֵּה וְהִתְחִיל לְסַפֵּר קְצָת מִנְּסִיעָתוֹ וְאָמַר: ״כְּשֶׁנָּסַעְתִּי מִלֶּעמְבֶּרְג עַד כְּפַר וַוארְנִיוִויצֶע, הָיִיתִי דּוֹמֶה בְּעֵינַי כְּמוֹ חוֹנִי הַמְעַגֵּל, שֶׁיָּשַׁן שִׁבְעִים שָׁנָה. וְהָיִיתִי סָבוּר, שֶׁכְּבָר שָׁכְחוּ אוֹתִי. וּבְבוֹאִי לַכְּפָר הַנַּ״ל קָפַץ עַל הָעֲגָלָה אֶצְלִי הָאִישׁ הַנַּ״ל וְהוּא הֶחֱיָה אוֹתִי מַמָּשׁ, כִּי רָאִיתִי, שֶׁעֲדַיִן זוֹכְרִים אוֹתִי!״ וְאָמַר: ״אֲנִי דּוֹמֶה עַכְשָׁו כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ״.

האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט: דער רבי האט זיך זייער שטארק מחיה געווען צו זען ווי יענער פון אנשי שלומינו האט זיך אזוי געפריידט אים צו טרעפן; ווייל א צדיק וואס איז זיך מוסר נפש צו העלפן אנדערע אידן, ער פרובירט אויף אלע סארט וועגן זיי צוריק צו ברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן, ער רעדט און שרייבט חיזוק און עצות פאר יעדן איד, קען אמאל אנהייבן טראכטן מחשבות ׳וואס טו איך דען אויף מיט מיינע דרשות און ספרים?׳ און ווען איינער קומט אים זאגן ווי שטארק די דרשות און ספרים זענען אים מחזק צו דינען דעם אייבערשטן, דאס איז אים זייער מחיה און מחזק.

מוהרא״ש פלעגט זאגן אז צומאל פלעגט אריינקומען אין אים מחשבות פון יאוש, ׳ווער זאגט אז מיינע דרשות און ספרים טוען עפעס אויף פאר די וועלט?׳ ׳ווער דארף דען מיינע ספרים?׳ פון אינדרויסן האט

מען דאס נישט געקענט אנזען, אינדרויסן האט אויסגעזען ווי ער איז גאר שטארק; און ווען איינער איז אריין געקומען צו אים זיך באדאנקען פאר זיינע הייליגע ספרים און קונטרסים האט דאס אים געגעבן כח ווייטער ממשיך צו זיין מיט זיין הייליגע ארבעט, און ער האט ווייטער געשריבן נאך און נאך קונטרסים, און דורך דעם זענען מיר זיך מחיה דערמיט ביז היינט.

און אזוי ברענגט אויך דער הייליגער רבי (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן קכו) אז יעדעס מאל ווען די חבריא האט אויסגעלויבט זייער רבי, דעם הייליגן תנא רבי שמעון בן יוחאי, האט ער דערנאך זיי געזאגט נאך חידושי תורה; מיר האבן גארנישט קיין השגה אינעם צדיק, פון אינדרויסן זעט אויס ווי דער צדיק גייט אן מיט א שטארקקייט אז עס קען זיך דאכטן ווי דער צדיק דארף נישט קיין חיזוק אנצוגיין מיט זיין הייליגע ארבעט, אבער דער אמת איז נישט אזוי, דער צדיק וויל אויך זען צי ער טוט עפעס אויף מיט זיין שווערע הארעוואניע.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן ווען מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

## שבת קודש פרשת נשא, תשפ"א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט שיחות הר"ן סימן רלח.

לשון רבינו זכרונו לברכה: הָיָה מְדַבֵּר עִם אֶחָד בְּתוֹךְ כָּךְ שָׁמַע אֶחָד שֶׁהָיָה מִתְפַּלֵּל תְּפִילַּת עַרְבִית וְאָמַר וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ וְאָמַר אוֹתוֹ הָאִישׁ בִּמְהִירוּת אֵלּוּ הַתֵּבוֹת וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה וְכוּ' וְעָנָה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְאָמַר לָזֶה שֶׁעָמַד אֶצְלוֹ: הַרָאִיתָ שֶׁזֶּה חוֹטֵף בִּמְהִירוּת אֵלּוּ הַתֵּבוֹת וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה וְכוּ' הֲלֹא אֵלּוּ הַתֵּבוֹת צְרִיכִין לְהִתְפַּלֵּל בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל וּבְכַוָּנָה גְּדוֹלָה מֵעֻמְקָא דְּלִבָּא מְאֹד כִּי זֹאת הִיא תְּפִילָּה יְקָרָה מְאֹד מְאֹד כִּי מְאֹד צְרִיכִין לְבַקֵּשׁ רַחֲמִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁנִּזְכֶּה שֶׁיִּתֵּן לָנוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עֵצָה טוֹבָה שֶׁנִּזְכֶּה לֵידַע אֵיךְ לְהִתְנַהֵג וְכוּ' וְדָבָר זֶה מוּבָן מְאֹד לְכָל מִי שֶׁרוֹצֶה לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם שֶׁצְּרִיכִין לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל זֶה שֶׁנִּזְכֶּה לְעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ.

וְאָמַר עַל עַצְמוֹ: כְּשֶׁמַּגִּיעַ הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל תְּנוּעוֹת שֶׁלִּי שֶׁל כָּל הַיּוֹם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּהְיוּ כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי וְשֶׁל בָּנַי וְשֶׁל הַתְּלוּיִים בִּי שֶׁיִּהְיוּ הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְכוּ' וְכֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב וְכַיּוֹצֵא אֲנִי מוֹסֵר הַיּוֹם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּהְיֶה כָּל הַנְהָגַת אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְאַחַר כָּךְ כְּמוֹ שֶׁמִּתְנַהֵג אֶצְלוֹ בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם אוֹ בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְכַיּוֹצֵא שׁוּב אֵינוֹ מְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ אַחַר כָּךְ כְּלָל אִם הָיָה הַנְהָגַת שֶׁל אוֹתוֹ הַיּוֹם כָּרָאוּי וְהָבֵן. עד כאן לשון רבינו זכרונו לברכה.

איבערטייטשט: דער רבי האט אמאל געהערט ווי איינער דאווענט מעריב און ער כאפט אפ די ווערטער: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ", האט דער רבי געזאגט: "די ווערטער 'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ', דארף מען דאך זאגן מיט גרויס כוונה, דאס איז זייער א חשוב'ע תפילה"; ווייל דער עיקר פראבלעם איז אז מען ווייסט נישט וואס צו טון, מען האט אויף יעדע זאך ספיקות צי מען זאל טון אזוי צי אזוי, דארף מען אסאך

בעטן דעם אייבערשטן: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רבונו של עולם געב מיר א גוטע עצה איך זאל וויסן ווי אזוי זיך צו פירן".

נאך האט דער רבי געזאגט: איך פיר זיך יעדן אינדערפרי ווען איך שטיי אויף געב איך זיך איבער צום אייבערשטן, איך געב איבער אלע מיינע מחשבות, אלע מיינע דיבורים און אלע מיינע מעשים, סיי פון מיר און סיי פון מיינע קינדער און אלע וואס זענען אנגעהאנגען אין מיר – פארן אייבערשטן, אזוי אויך ווען עס קומט שבת און יום טוב, געב איך זיך איבגאנצן איבער פאר'ן אייבערשטן, אזוי דארף איך נישט טראכטן נאכדעם צי איך האב גוט געטון און אז אפשר וואלט איך געדארפט טון פארקערט. ווייל אז איך האב זיך איבער געגעבן צום אייבערשטן איז אלעס זיכער גוט.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דער רבי זאגט דא ווען מען זאגט ביי מעריב די ווערטער: 'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ', זאל מען עס זאגן מיט גרויס כוונה; דארף מען אבער וויסן אז דאס מיינט נישט צו זאגן אז נאר דעמאלט האט מען א געלעגנהייט צו בעטן דעם אייבערשטן אויף גוטע עצות, און אויב דער מענטש האט פונקט פארפאסט דער מינוט, ער דערמאנט זיך נאך הַשְׁכִּיבֵנוּ אז ער האט נישט אינזינען געהאט ביי די ווערטער, דארף ער שויןווארטן ביז מארגן צו בעטן דערויף...; עס איז נישט אזוי, ווען אימער א מענטש דערמאנט זיך פון זיינע פראבלעמען ער דארף אן עצה קען ער בעטן דערויף: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רבונו של עולם געב מיר א גוטע עצה איך זאל וויסן ווי אזוי זיך צו פירן", עס דארף נישט זיין דוקא ביי מעריב.

בעטן דעם אייבערשטן איז די עצה פאר אלע עצות; דאס איז די עצה ווען מען האט נישט קיין עצה, ווען מען ווייסט נישט ווי אזוי זיך צו פירן. גיי ארויס אביסל שפאצירן אין א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, שריי צום אייבערשטן ער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט

וויסן וואס דו האסט צו טון; בעט אים: "'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ', אייבערשטער געב מיר א גוטע עצה איך זאל וויסן וואס צו טון", אז מען טוט דאס, מען בעט דעם אייבערשטן מען זאל זיך קענען אן עצה געבן ווי אזוי זיך צו פירן, דאן העלפט דער אייבערשטער אז מען ווייסט וואס מען האט צוטון.

נאך זאגט דא דער רבי, אז ער פירט זיך יעדן אינדערפרי ווען ער שטייט אויף געבט ער זיך איבער צום אייבערשטן, אלע זיינע מחשבות, אלע דיבורים און אלע מעשים; דאס איז זייער א וויכטיגע הנהגה, פרוביר עס אויס, הייב אן דעם טאג מיט תפילה, בעט דעם אייבערשטן אינדערפרי אז דער טאג זאל זיין מיט הצלחה, אז מען געבט זיך איבער צום אייבערשטן - איז אלעס גרינגער. גלייך אינדערפרי ווען מען זאגט 'מודה אני', לייג צו א קליינע תפילה אויף די אייגענע שפראך: "רבונו של עולם, איך געב דיר איבער מיין גאנצע טאג און אלעס וואס איך דארף ערלעדיגן; העלף מיר איך זאל האבן א פריילירכע טאג".

א בחור געבט זיך אליינס איבער פאר'ן אייבערשטן, אז דער אייבערשטער האט געהאלפן דו האסט חתונה געהאט און דו האסט שוין אויך א ווייב דאן לייג צו אויך דיין ווייב, אז דו האסט שוין ברוך השם קינדער דאן לייג צו דיינע קינדער, א בעל הבית לייגט צו זיינע ארבעטער, א מלמד און א לערערין לייגט צו די תלמידים און תלמידות, און אזוי ווייטער.

א מענטש דארף האבן אזויפיל סייעתא דשמיא אין זיין טאג, אז אלעס זאל זיך פירן צו גוטן, אבער אז מען געבט זיך איבער צום אייבערשטן האט מען סייעתא דשמיא און מען האט הצלחה.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.